**אויף תיכף ארויסצוגעבן:**5/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט א $50 מיליאן מאדערניזאציע פראיעקט ביי די 146-יאר-אלט דזשענעסי ברענעריי (ברואווערי) אין ראטשעסטער**

***סטעיט פאנדינג וועט שטיצן פראיעקט אפגרעידס צו שאפן א וועלט קלאס פעקעדזשינג פאסיליטי אין ראטשעסטער, וואס וועט אפהיטן 500 דזשאבס און פארשאפן ביז 57 נייע דזשאבס***

***אינוועסטמענט קאמפלעמענט "פינגער לעיקס פארווערטס" – די ראיאן'ס פולשטענדיגע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמעלדט וועגן א גרויסע ווידער אויפלעבונג פראיעקט פאר די לעגענדארע דזשענעסי ברענעריי אין די סיטי פון ראטשעסטער. די 146-יאר-אלט פאסיליטי וועט אונטערגיין א $50 מיליאן רענאוואציע צו איבערמאכן דעם געביידע צו א וועלט-קלאס פעקעדזשינג פאסיליטי, וואס וועט פארגרעסערן דעם געביידע'ס מעגליכקייט צו פראדוצירן און ערמעגליכן מער עפישענסי אויפן ארט. די פירמע פלאנירט צו שאפן ביז 57 נייע דזשאבס ביי די פאסיליטי איבער די קומענדיגע צוויי יאר אין צוגאב צו צוהאלטן צו מער ווי 500 ארבעטער אין ראטשעסטער, און וועט נוצן די פאסיליטי צו צוגעבן צו די קאנאדישע פראדוקציע און שיפמענט פון זיינע באוואוסטע לאבעט בלו און לאבעט בלו לייט ליניעס פון ביר - מאכנדיג דאס די ערשטע פאסיליטי צו פראדוצירן די ליניעס אין די פאראייניגטע שטאטן. ניו יארק סטעיט האט פארעגלייגט א $7 מיליאן קאפיטאל גרענט צו דזשענעסי'ס הויפט פירמע, FIFCO USA, צו העלפן מאכן די מאדערניזאציע אפגרעידס.

"די דזשענעסי ברענעריי איז געווען אן אנגעטרויטע עמפלאיער אין די ראטשעסטער קאמיוניטי פאר פיל איבער א יאר-הונדערט, און די טראנספארמאטיווע אינוועסטמענט וועט העלפן צו זיי האלטן אין ניו יארק סטעיט פאר די קומענדיגע דורות," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק גייט דורך א רענעיסענס אין מאניפאקטור, מיט מיליאנען דאלארן אינוועסטירט און אומצאליגע גוט-באצאלנדע דזשאבס וואס קומען צו אונזער סטעיט, און מיין אדמיניסטראציע איז פארפליכטעט צו העלפן ביזנעסעס אזוי ווי די דזשענעסי ברענעריי פארגרעסערן זייער אנוועזנהייט אין ניו יארק און העלפן אונזער עקאנאמיע צו גיין פארווערטס."

דער פראיעקט וועט שטארקן די ברענעריי'ס מעגליכקייט איינצוריכן נייע טאנקען און עקוויפמענט, נאכפאלגנדיג א $50 מיליאן שטאפל איינס אינוועסטמענט אין די ראטשעסטער פאסיליטי אין 2018. די פירמע האט געעפנט די דזשענעסי ברעון הויז אין 2012, וואס פארמאגט א מוזעאום, רעסטאראנט און פיילאט ברענעריי וואס האט דעם לעצטן יאר צוגעצויגן מער ווי 400,000 מענטשן צום פלאץ אין איינעם מיט די פראכטיגע דזשענעסי טייך אין דאונטאון ראטשעסטער. דזשענעסי ברעון הויז האט אויך באקומען דריי געשענק אין די ניו יארק סטעיט קרעפט ביר קאמפעטישאן אין 2023 מיט זייער העללעס ביר, א טראדציאנאלע העלע לאגער וואס האט אלס דער בעסטער באקומען דעם גאווערנער'ס עקסעלסיאר קרעפט ביר קאפ באלוינונג.

געגרינדעט אין 1878, איז די דזשענעסי ברענעריי די עלטעסטע ניו יארק סטעיט'ס ברענעריי און איינע פון די עלטסטע ברענערייען וואס ארבעט אן אויפהער אין די פאראייניגטע שטאטן. די ברענעריי מאכט די קלאסישע ליניע פון דזשענעסי בירן, ווי אויך די פאפולארע סיגראמ'ס עסקעיפס ליניע, ליפטאן הארד אייסד טי און צענדליגע ברענדס פאר גרויסע אלקאהאלישע געטראנק פירמעס איבערן לאנד.

**FIFCO USA CEO פיוטער זשורזשעוויטץ האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אונזער ברענעריי האט געהאלפן צעמענטירן דעם באשלוס צו אינוועסטירן $50 מיליאן צו מאדערניזירן און פארברייטערן אונזערע מעגליכקייטן פאר צוקונפטיגע דורות פון ארטיגע ארבעטער. אין מיטארבעט מיט אונזער קאנאדישער ברענער, ברענען מיר לאבאט מיט פונקט די זעלבע רעצעפט און קוואליטעט באשטאנדטיילן וואס מאכן די לאבאט בלו און בלו לייט דעם פאנטאסטישן טעם און קוואליטעט וואס מענטשן דערווארטן. אונזערע הונדערטער ניו יארק סטעיט ארבעטער זענען איבעראשט צו העלפן נאכקומען דעם פאדערונג פאר לאבאט גלייכצייטיג מיט אונזער אנטוויקלען אונזערע מעגליכקייט צוצוציען נייע קאנטראקטן מיט ברענעריי שותפים איבערן לאנד."

אין שטענדיגע באמיאונג צו בענעפיטן די סטעיט'ס דינאמישע עקא-סיסטעם פון ברענערייען, ווינטנערס און דיסטילערס, האט גאווערנער האקול'ס אדמיניסטראציע מיטגעארבעט מיט די אינדוסטריע צו שטיצן א קרעפט געטראנק רענעיסענס איבער גאנץ ניו יארק. די **לעצטנס ענעקטעד** FY 2025 בודזשעט נעמט אריין א פינף-יאר פארלענגערונג פון דעם סייל פון טו-גו אלקאהאלישע געטראנקען ביי רעסטאראנטן און בארס, און אין אקטאבער 2023, <u>האט דער גאווערנער אונטערגעשריבן א פעקל פון לעגיסלאציע</u> צו פארבעסערן ניו יארק'ס געזעצן אנבאלאנגט אלקאהאלישע געטראנקען כדי צו געבן מער אפציעס פאר קאסטומערס און שטיצן ניו יארק'ס קליינע ביזנעסעס אין די אלקאהאלישע געטראנק סעקטאר.

ניו יארק געפינט זיך צווישן די העכסטע פינף סטעיטס פארן צאל ברענערייען, סיידעריס, דיסטילעריס, און ווײנעריס. זיין ליסטע פון קרעפט געטראנק מאנופאקטורן אנטהאלט מער ווי 450 וויינעריס, 500 ברענערייען, 200 דיסטילעריס און 100 סיידעריס און מעדעריס. סך הכל, איז ניו יארק דער היים פאר 527 קרעפט און 11 גרויסע ברענערייען און די פולע עקאנאמישע אימפאקט אויפן סטעיט'ס ביר אינדוסטריע געפינט זיך ביי $5.4 ביליאן.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנער האופ קנייט האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס געטראנק אינדוסטריע זידט און בליעט א דאנק צו פירמעס אזוי ווי FIFCO און די דזשענעסי ברענעריי פירמע. בראווא אויך צום גאווערנער'ס אומוואקלדיגע פארפליכטונג, וועלכע איז א הויפט מיטל צו שטיצן פראדוקציע פון געטראנקען איבערן סטעיט מיט וואקסנדע ארבעטסקראפט און מער שפארזאמע ברענשטאף מעגליכקייטן."

**סטעיט סענאטאר זשערעמי קוני האט געזאגט,** "די היסטאריע פון די דזשענעסי ברענעריי איז איינגעפלאכטן מיט די היסטאריע פון אונזער סיטי, און מיט דעם מאדערניזאציע פראיעקט, ניו יארק סטעיט גאראנטירט אז זיי וועלן פארזעצן צו שפילן אן אינטעגראלע טייל אין ראטשעסטער'ס צוקונפט. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פארן מאכן דעם אינוועסטמענט וואס וועט ברענגען נייע דזשאבס, נייע געלעגנהייטן פאר דאונטאון, און פארזעצנדע ערפאלג פאר איינע פון ראטשעסטער'ס מערס אייקאנישע פירמעס."

**אסעמבלימעמבער דעמאנד מיקס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו זען אזא באדייטנדע פינאנסיעלע פארפליכטונג וואס ווערט געמאכט צו פארבעסערן ראטשעסטער'ס היסטארישע דזשענעסי ברענעריי. די אינוועסטמענט וועט העלפן פארבעסערן די אפעראציעס און ערלויבן די אייקאנישע ביזנעס אנהאלטן זיין סטאטוס אלס א לאנדסמארק ציל איבער וועסטערן ניו יארק. די באדייטפולע פארגרעסערונג וועט אויך

געבן מער עמפלאימענט געלעגנהייטן צו שטיצן אונזערע איינוואוינער און זייערע פאמיליעס. בשעת מיר נעמען זיך צו באנייען אונזער סיטי, איז וויכטיג מיר זאלן בלייבן מיט די כוונה צו שטיצן ארטיגע ביזנעסעס אינערהאלב אונזער קאמיוניטי. מיר פילן זיך דאנקבאר פאר די שטיצע פון גאווערנער האקול און FIFCO פארן אנפירן דעם $50 מיליאן פראיעקט פאר די באליבטע דזשענעסי ברענעריי."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו עדעם בעללו האט געזאגט,** "אזוי ווי דזשענעסי ברענעריי וואקסט גרעסער, אזוי וואקסט אויך אונזער ארטיגע ארבעטסקראפט און נאמען אלס אן אנפירנדע מאדערנע שפייז און געטראנק אינדוסטריע. היינטיג'ס מיילשטיין אויסרוף הייבט אונזער עקאנאמישער האריזאנט און זעצט פאר א טראדיציע פון אויסצייכנונג וואס גייט שוין אן באלד 150 יאר. א דאנק אייך FIFCO USA פארן אנערקענען מאנראו קאונטי אלס א פאנטאסטישע פלאץ צו פארגרעסערן זייערע ביזנעס און א דאנק אייך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און רעגירונג. קעטי האקול פאר איר פארזעצנדע אינוועסטמענטס אין דעם צוקונפט פון אונזער קאמיוניטי. איך קוק אויס צו די נייע געלעגנהייטן דער פראיעקט וועט קאכן פאר אונזער קאמיוניטי."

**סיטי און ראטשעסטער מעיאר מאליק ד. עוואנס האט געזאגט,** "FIFCO USA, CEO פיוטער זשורזשעוויטץ, און דער גאנצער טיעם ביי די דזשענעסי ברענעריי האבן נאכאנאנד געוויזן זייער שטארקע איבערגעגעבנקייט צו ראטשעסטער, און די אינוועסטמענט אין די באדייטנדע פארברייטערונג איז א באוויז פאר דעם. דזשענעסי איז איינס פון ראטשעסטער'ס מערסט אייקאנישע ברענדס, און FIFCO USA איז איינס פון אונזער וויכטיגסטע עמפלאיערס און געשעצטע מיטארבעטנדע בירגער. איך וויל זיי באדאנקען, צוזמאען מיט גאווערנער קעטי האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר זייער געוואלדיגע שטיצע פון דעם פראיעקט דורך פינגער לעיקס פארווערטס. מיר אלע ארבעטן צוזאמען צו שאפן א זיכערע, גלייכע און רייכע ראטשעסטער דורך אינספירירן האפענונג און דעליווערן געלעגנהייט פאר יעדן."

**גרעיטער ראטשעסטער טשעמבער און קאמערס פרעזידענט און CEO און פינגער לעיקס רעגיאנאלע עקאנאמישע דעוועלאפמענט קאונסיל קא-טשעיר באב דאפפי האט געזאגט,** "מיר שטרעקן אויס אונזער דאנקבארקייט צו גאווערנער האקול און FIFCO פאר זייער שטיצע און ווייט-זעענדע פירערשאפט אין אנפירן די $50 מיליאן מאדערניזאציע פראיעקט פאר די אייקאנישע דזשענעסי ברענעריי. מיט זייער איבערגעגעבנקייט, הייבן מיר נישט בלויז אונזער פאסיליטי'ס מעגליכקייטן און פארשאפן דזשאבס נאר מיר מאכן היסטאריע. די סטראטעגישע אינוועסטמענט וועט שטארקן ראטשעסטער'ס שטאנדהאפטיגקייט אין די וועלט'ס ברענעריי ארענע און פארשאפן נייע געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע געוואוקס און אינאוואציע אין אונזער קאמיוניטי."

**גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז פרעזידענט און CEO מעטט הורלבאטט האט געזאגט,** "FIFCO USA's באשלוס צו פארברייטערן זיין וועזנהייט אין די גרעיטער ראטשעסטער, NY ראיאן איז צוליב די אויסטערלישע, צוזאמענארבעט נאטור פון דעם געטראנק פראדעצירונג אינדוסטריע וועלכע איז ערפאלגרייך דא, געשטיצט דורך טאלענטפולע ערפארענע מענטשן מיט געטראנק פראסעסינג און פעקעדזשינג. מיר שעצן די אויסערוויגעוועגליכע רעספאנס צו דעם געלעגנהייט פון ניו יארק סטעיט, מאנראו קאונטי, סיטי און ראטשעסטער, און RG&E עקאנאמישע אנטוויקלונג שותפים וואס האבן קאארדינירט מיט א ווירקזאמע צוגאנג צו שטיצן דעם פארברייטערונג. איך בין זיכער אז די עסעטס וועלן העלן FIFCO דערגרייכן זיינע לאנג-טערמיניגע פארגרעסערונג פלענער."

**ניו יארק סטעיט ברענעריי אסאשיעישאן עקזעקיוטיוו דירעקטאר פאול לעאון האט געזאגט,** "אלס עלטסטער ברענעריי אין ניו יארק, זעצט פאר דזשענעסי ברענעריי צו זיין אן אנקער פאר די גאנצע ברענעריי אינדוסטריע אין דעם סטעיט. אינוועסטמענט אין דעם פאסיליטי דורךביידע FIFCO USA און די סטעיט פון ניו יארק מיינט אז עס וועט ווערן געמאכט מער ביר און מער דזשאבס אין אפסטעיט ניו

יארק. דער אינוועסטמענט וועט העלפן האלטן די סטעיט'ס קרעפט ברענעריי אינדוסטריע איינס פון די שטארקסטע אינעם לאנד."

פאר נאך אינפארמאציע וועגן דזשענעסי ברענעריי, באזוכט: https://www.geneseebeer.com/.

פאר נאך אינפארמאציע וועגן FIFCO USA, באזוכט: https://www.fifcousa.com/.

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**
די היינטיגע אנאנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס אריינרעכענענדיג פאָוטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען דא.

**וועגן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור (www.esd.ny.gov). די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און ערררייכן סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן די רעגיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן